בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאֲרְן שַׁבָּת טִישׁ

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב



דֶער צַדִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי קַאפִּיטְל תְּהִלִים אוּן מִיט דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר וֶועלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, מִיר וֶועלְן יֶעדְן טָאג זָאגְן תְּהִלִים, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע טֶעג – וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זָאגְן תְּהִלִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן נִסִים, אוּן מִיר וֶועלְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

לשמיעת הסיפורים [באידיש] בקו 'קול ברסלב'
07970-400-66 | להפצה - 054-8480941

## בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר

טייעֶרע קינְדער, מיר הָאבְּן נישְׁט קַיין אַנוּנְג דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, ווי זֵיי דינֶען דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אין אַלֶע צַייטְן; אֲפִילוּ מֶען רוֹדְפְ׳ט זֵיי און מֶען פַּייניגְט זֵיי, דָאךְ בְּלַייבְּן זֵיי גֶעטְרַיי דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי לָאזְן נישְׁט אָפּ זֵייעֶר דְבֵיקוּת.

דער הֵיילִיגֶער צַדִיק דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ איז אַרִיבֶּער שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן די מִתְנַגְדִים, מֶען הָאט אים פַארְ׳מַסְרְ׳ט פַאר די רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג אַז עֶר וויל אוּנְטֶערְוַואַרְפְן די רֶעגִירוּנְג, און מֶען הָאט דֶעם צַדִיק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אין די רוּסִישֶׁע תְּפִיסָה.

קִינְדֶער, וָואס טְרַאכְטְן עֶנְק, וָואס טוּט דֶער צַדִיק אין תְּפִיסָה? קִינְדֶער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס אַ צַדִיק אִיז, אַ צַדִיק טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ עֶר אִיז; וֶוען עֶר אִיז אִין שׁוּל טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר אִיז אִין שְׁטוּב טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים עֶסְן, בַּיים שְׁפַּאצִירְן, אִינְטֶערְוֶועגְנְס טְרַאכְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיךְ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע צַייטְן טְרַאכְט דֶער צַדִיק נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זָאגְט תְּהִלִים, עֶר זָאגְט די וֶוערְטֶער: ״פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי מִקְרָב לִי״, אֵייבֶּערְשְׁטֶער דוּ רַאטֶעוֶועסְט מִיךְ אַזוֹיפִיל מָאל פוּן מַיינֶע מִלְחָמוֹת, פוּן מַיינֶע לֵיידְן״, און עֶס עֶפֶנְט זִיךְ אוֹיף די טִיר... עֶס קוּמְט אַרַיין דֶער גְרוֹיסֶער אָפִיצִיר, און זָאגְט: ״רַאבִּינֶער בַּאפְרַייט!״